בס"ד

# דברי תורה מרבינו ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

סעודה שלישית פר' פינחס
י"ז בתמוז תשפ"ב מאמר א

יו"ל פר' פנחס תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (כה, יז-יח) 'צָרוֹר את המדינים והכיתם אותם, כי צוררים הם לכם בנכליהם אשר נכלו לכם על דבר פעור ועל דבר כזבי', הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע אין **נועם אלימלך** איז מדקדק פארוואס שטייט 'צוררים' בלשון הווה, דבר פעור און דבר כזבי זענען דאך געווען בעבר, ס'וואלט געדארפען שטיין כי 'צררו' הם לכם. נאך דארף מען פארשטיין וואס ס'שטייט אין פסוק 'בנכליהם' אשר נכלו לכם - וואס דאס מיינט די מחשבה, צו דען מיט די מחשבה אליינט האבען זיי שלעכט געטוהן פאר די יודען, בבחינת כאשר 'זמם', ס'דאך געווען כאשר 'עשה', זיי האבען דאך געטוהן בפועל במעשה ביי דבר פעור און דבר כזבי אזוי וויא ס'שטייט סוף פרשת בלק, זיי האבען שאדען געמאכט און קאליע געמאכט פאר די יודען, און ס'וואלט געדארפט שטיין כי צוררים הם לכם 'במעשיהם' אשר 'עשו' לכם.

**געבט** דער רבי ר' אלימלך זי"ע צו פארשטיין אז דער עיקר כוונה פונעם רבונו של עולם וואס האט געהייסען נקמה נעמען אין מדין, איז נישט געווען אזוי וויא מיר קוקען דאס אן מיט אונזערע פליישיגע אויגען, אז ס'איז געווען א נקמה וואס זיי האבען שלעכט'ס געטוהן פאר יודען - וואס זיי האבען זיי געמאכט זינדיגען און ס'איז געפאל'ן אינעם מגיפה פיהר און צוואנציג טויזענט יודען. נאר די נקמה אין מדין וואס האט געדארפען זיין דייקא דורך משה רבינו, איז געווען א נקמה אויף די שלעכטע מחשבות און שלעכטע הרהורים וואס איז געווארען אין יודישע הערצער דורך די חטאים.

**און** מ'קען צו לייגען אויף דבה"ק, אז **ספרים** שטעלן זיך אויפ'ן לשון הפסוק 'כי צוררים הם **לכם** בנכליהם אשר נכלו **לכם**', פארוואס שטייט נאכאמאהל 'לכם', דער צווייטער 'לכם' איז איבריג, ווייל ס'גייט דאך ארויף אויף וואס זיי האבען געטוהן צו די יודען 'כי צוררים הם **לכם** בנכליהם אשר נכלו'. נאר די כוונה איז אזוי וויא אויסגעשמועסט אין נועם אלימלך, ס'קומט דא מדגיש זיין אז ס'איז געווען צוררים לכם בהווה, וויא אזוי - 'בנכליהם אשר נכלו **לכם**' דורך וואס זיי האבען אריין געלייגט שלעכטע תאוות אין אונזער הערצער, ווייל די עצת בלעם איז אריינגעגאנגען אין אונזער הערצער און ס'האט ממשיך געווען מטמא צו זיין יודישע הערצער אויכעט נאכדכם וואס זיי האבען מחטיא געווען במעשה,

נאכדעם וואס ס'איז שוין געפאלען כ"ד אלף מבני ישראל, און דאס איז מרומז אין דער צווייטע מאהל וואס ס'שטייט 'לכם'. און אויף דאס איז געווען די נקמה, רייניגען און מטהר זיין די יודישע הערצער פון די שלעכטע מחשבות, מקיים צו זיין צרור את המדינים - פיינט האבען די שלעכט'ס, כדי זיך צו פארעכטען. און דאס מיינט '**בנכליהם אשר נכלו**', דייקא 'בנכליהם', דייקא 'אשר נכלו', דאס הייסט אז מיר דארפען אויסברענען די שלעכטע מחשבות פונעם הארץ, און נישט קיין פשוטע און פראסטע נקמה פון הרג'נן די גוים.

**און** חז"ל זאגען (ויק"ר כד, א) אימתי שמו של הקב"ה מתגדל בעולמו, בשעה שעושה מדת הדין ברשעים, אזוי וויא ס'שטייט א פסוק אין יחזקאל (לח, כג) 'וְהִתְגַּדִּלְתִּי וְהִתְקַדִּשְׁתִּי ונודעתי לעיני גוים רבים וידעו כי אני ה''. ווייל כל זמן וואס דער רשע איז בעולם, איז דין בעולם, ס'הייסט, אז אויך נאך וואס זיי האבען מחטיא געווען, זענען זיי ממשיך מטמא זיין די יודישע הערצער מיט שלעכטע מחשבות, און נאר ווען דער אייבערשטער איז עושה דין בגוים, גייט אוועק די שלעכט'ס, און די יודישע הערצער ווערען גערייניקט, ווערען טהור, און מיט דעם איז שמו מתגדל ומתקדש.

**שטייט** אין פסוק (כה, יא) 'פינחס בן אלעזר וגו' השיב את חמתי וגו' - ענדיגט דער פסוק צו - בקנאו את קנאתי **בתוכם**', בתוכם דייקא, ד. ה. ווייל די קנאה דארף זיין אין דער מענטש אליינט, ווייל דער מענטש דארף פיינט האבען די שלעכטס, און מלחמה האלטען מיט די שלעכט'ס. און אויף דער מלחמה האט מען דייקא געדארפען האבען די כח פון משה רבינו ע"ה - וואס אתפשטותיה איז בכל נפשא, און מיט זיין כח האט יעדער איינער און איינער דער מעגליכקייט מלחמה צו האלטען מלחמת ה' במדין, פיינט צו האבען די שלעכט'ס און מלחמה צו האלטען, כדי אוועק צו נעמען די שלעכטע מחשבות.

**אין** ספר הזכות שרייבט דער חידושי הרי"מ זי"ע אז פינחס מיט זיינע מעשים האט אויסגעפוילט און אויפגעטוהן לדורות, אז זיי זאלען קענען מקיים זיין דאס וואס חז"ל זאגען (ברכות ה.) 'לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע שנאמר (תהלים ד, ה) 'רגזו ואל תחטאו', אם נצחו מוטב - ואם לאו וכו'', כפשוטו געבען די מפרשים צו פארשטיין אז 'ירגיז' איז מלשון לשון ציטערען - חיל ורעדה, און אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק אין פרשת בשלח ביי די שירה (בשלח טו, יד) 'שמעו עמים ירגזון' - אז ס'איז א לשון פון ציטערען און מורא האבען (עי' תרגום שם ועי' רש"י תבא כח, סה), און אזוי טייטשט רש"י אויפ'ן פסוק וואס די גמרא ברענגט

דא אין ברכות 'רגזו ואל תחטאו' - '**חרדו מלפני הקב"ה**' - צוטערט'ס פונעם אויבערשטער, און דורכדעם וועט מען נישט צו קומען צו זינדיגען - '**ואל תחטאו**', ד. ה. א מענטש זאל נישט מיינען אז מלחמת היצר האט זיך שוין געענדיגט, נאר ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, פארוואס?! ווייל ס'איז א שטענדיגע מלחמה און מ'דארף שטיין אויף די וואך, אזוי וויא **הרה"ק הרבי ר' בונם** זי"ע האט געזאגט אז א מענטש דארף כסדר זעהן פאר זיינע אויגען אז דער יצר הרע שטייט אויף איהם מיט א האק, גרייט יעדער רגע אפצוהאקען זיין קאפ (ראה שש"ק יצה"ר אות כו), שטענדיג געדענקן די מלחמה, וויסען און ציטערען פון דעם, און זיין פארזיכטיג פון די יצר הרע, דאס איז פשוט פשט פון ירגיז אדם יצ"ט על יצה"ר.

**אבער** דער חידושי הרי"מ זי"ע טייטשט דעם מאמר חז"ל פון ירגיז אדם יצ"ט על יצה"ר, אז 'ירגיז' איז מלשון רוגז און חימה (ועי' מהרש"א חא"ג שם ותניא פרק כט), א מענטש דארף שפירען אז דער יצר הרע איז זיין פיינט, זיין אויב, זיין שונא, און ווען ער קומט איהם איינרעדען, מפתה זיין און מסית זיין לדבר עבירה, דארף ער מקנא זיין קנאת ה' - ד. ה. ער דארף זיך אנפילען מיט קצף און רוגז, ער זאל ווערען בייז אויף די יצר הרע, וויא אזוי האט דער יצה"ר חוצפה און עזות אנטקעגען דעם אייבערשטער, און דורכדעם וועט ער קענען איבער נעמען דעם יצר הרע, כובש זיין דער יצה"ר און מסלק דעם יצה"ר פון איהם.

**אין** דער המשך הגמרא דארט שטייט '**ואם לאו**', כפשטות איז מען מפרש 'ואם לאו', ווייל דער יצה"ר קומט דאך צו א מענטש אין אסאך אומשטאנדען, אין אסאך מצבים, אמאהל איז א מענטש אין א בעסערע מדריגה און אמאהל איז ער אין א נידריגע מדריגה, נישט אין יעדער צייט לערנט ער אזוי וויא עס דארף צו זיין, ער זאל קענען ניצען די עצה פון יעסוק בתורה אדער די עצה פון יקרא קריאת שמע, און דער יצר הרע איז דאך מלא עינים (עי' ע"ז כ:), און ער קומט צו דער מענטש אין אסאך וועגען, און ער דארף אנטקעגען איהם אסאך אסאך עצות און אסאך וועגען [און אזוי וויא ס'שטייט אין ספרים אז די לעצטע עצה וואס שטייט אין די גמרא פון יזכיר לו יום המיתה - איז טאקע די בעסטע עצה און עס העלפט די בעסטע, אבער פארוואס דערמאנט מען דאס נישט די ערשטע מאהל, ווייל דער זכירה ברענגט צו עצבות (עי' פני מנחם שופטים עמ' קט, ועי' פני מנחם לך עמ' סט ועמ' עח), דאס הייסט אז מ'דארף שפילען אנטקעגען דער יצה"ר מיט כל מיני עצות און וועגען].

**אבער** דער חידושי הרי"מ זי"ע טייטשט אז 'ואם **לאו**' מיינט צו זאגען אזוי: דער עצה פון רוגז און כעס אויף די יצר הרע, העלפט נאר אויב א מענטש געבט אכטונג אז ער זאל נישט ווערען בייז אויף דברים בטלים, ער ווערט בייז נאר אויף התנגדות לקדושה, דענסטמאהל קען ער פועל'ן דורך די רוגז און כעס אוועק צו שטיפען דער יצר הרע, אוועק צו טרייבען דער יצר הרע און איהם מסלק זיין פון איהם. אבער 'ואם לאו', אויב ער האט גענוצט די כעס פאר דברים בטלים והבלים און ער האט נישט תשובה געטוהן, קען ער נישט פועל'ן מיט דעם כעס ורוגז אויף דער יצר הרע [וואס דאס איז באמת דער ערשטע עצה און דער עיקר עצה וואו אזוי צו פארניכטען די יצר הרע און איהם אוועק צו שטיפען], און ער דארף שוין אנדערע עצות.

**און** אוודאי געוויס מיינט נישט דער חידושי הרי"מ 'דברים בטלים' - אויף פוסטע זאכען, וואס אונז אין אנזער דור ווערען בייז און בייזערען זיך אגאנצע טאג, ווייל 'רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותא' (קדושין מ:), וואס וועגען דעם דארף מען בכלל נישט רעדען, נאר ער מיינט צו זאגען אפילו אויב א מענטש ווערט בייז אויף זאכען וואס איז טאקע פארשטענדליך פאר עיני בשר דער כעס ורוגז, אבער מיט דעם, כל זמן וואס ער האט גענוצט מדת כעס פאר מילי דעלמא, קען ער נישט נוצען דעם מדה קעגען דעם יצר הרע, ס'וועט גארנישט ווירקען, ווייל נעכטען און אייערנעכטען איז דאך דער מענטש בייז געווארען פארוואס מען האט איהם נישט געגעבען גענוג קיין כבוד, אדער וואס מען האט איהם געטוהן עפעס א עוולה, און ער איז בכעס כל ימיו, און דער כעס פונעם יצר הרע איז נאר נאך א זאך אין דער ליסטע פון די זאכען וואס ער בייזערט זיך אויפדעם, דער יצר הרע לאכט דאך אויפדעם - איך בין דאך געוועזן דער מעקלער פון דער רוגז און כעס נעכטען אויף נארישקייטען, און דו קומסט יעצט מיט דעם כח מדת כעס אנטקעגען מיר?! נאר אויב ער היט דעם מדה פון כעס פאר קדושה בלבד, אז ער איז בייז נאר אויף דער יצר הרע, דענסטמאהל קען ער מקיים זיין ירגיז יצר טוב על יצר הרע און עס העלפט איהם צו זיגען אינעם מלחמת היצר. אבער אויב אזוי איז נפל פיתא בבירא - ווייל דער עצה איז נישט נוגע פאר אונז, ווייל אונז זענען נישט אין דער מדרגה, אונז זענען דאך קרוצי חומר, און אונז ווערען בייז אויף דברים בטלים והבלים, און דאס אליינט איז א מדרגה וואס מיר דארפען אסאך ארבעטען כדי צו צוקומען צודעם, אויב אזוי האבען אונז נישט די וועג - לויט די חידושי הרי"מ, וויא אזוי צו צוקומען צו ירגיז אדם יצ"ט על יצה"ר.

**אבער** אין די רשימות פונעם **שפת אמת זי"ע** (הובא בלקוטי הרי"מ) ווערט געברענגט פונעם חידושי הרי"מ אז ער שרייבט נישט דער הגבלה, נאר ער שרייבט אז יעדער מענטש בשעת דער יצר הרע קומט איהם איינרעדען, איבער רעדען פאר א עבירה, און ער פילט זיך אן מיט א חימה און כעס אויף דער יצר הרע, וואו קומט ער איהם מאבד זיין פוןביידע עולמות, ער קאכט זיך אויף דער יצר הרע, און מתוך דעם וואס ער פיהלט, וואס ער שפירט ביי זיך אין די הארץ אז דער יצר הרע קומט איהם שלעכטס טוהן, ווערט ער א פיינט, ער הייבט אן פיינט צו האבען די שלעכט'ס, און נישט נאר ער האט פיינט די שלעכט'ס, נאר ער גייט אויף די פארקערטע זייט, ער שטרענגט זיך איבער און ער לייגט צו נאך ביתר שאת אין 'עשה טוב' (עי' סנהדרין קיא: ורש"י ד"ה ומתגבר ביצרו), דאס איז בבחינת **השיב את חמתי מעל בני ישראל**, וואס מיט דעם איז מען משיב חרון אף שבשמים אשר עליו, ווייל דער מעשה פון פינחס איז נישט געווען קיין זאך וואס איז נאר געווען אין יענער טעג, נאר יעדער מענטש האט ביי זיך אין דער האנט דער כח מסלק צו זיין חרון אף פון א מגיפה אדער אלע אנדערע מרעין בישין. רעכטיג דאס איז אויך א מדרגה - פיינט צו האבען די שלעכט'ס, אבער כל זמן ס'שטייט נישט דער הגבלה נישט צו ניצען דער כעס אויף דברי הבל, ליגט ביי אונז אין דער האנט די מעגליכקייט זיך צו מיטשען און זיך מייגע זיין און מ'זאל קענען דערגרייכען וואס דער שפת אמת שרייבט פיינט צו האבען די שלעכט'ס.

**אין** שפת אמת **ליקוטים** ביי אונז אין פרשה (ד"ה השיב (הב')) איז דא אן הוספה אויפדעם, שטייט אין פסוק אין קהלת (ג, טו) 'והאלקים יבקש את נרדף', פשוט לערנט אז '**נרדף**' גייט ארויף בעלי חיים הנרדפין פון אנדערע בעלי חיים, אדער אויף ישראל וואס זענען נרדפין פון די אומות - אזוי וויא חז"ל זאגען אין מדרש אין פרשת אמור (ויק"ר כז, ה), אבער דער שפת אמת טייטשט אז ס'גייט ארויף אויף דער יצר הרע וואס קומט מאבד זיין דער מענטש פון ביידע עולמות, אזוי וויא ס'שטייט אין מדרש אין אונזער פרשה (תנחומא ג ובמ"ר כא, ה) רבי שמעון אומר מנין אתה אומר שכל המחטיא את חבירו קשה מן ההורגו שההורגו בעולם הזה יש לו חלק לעולם הבא, והמחטיאו הורגו בעולם הזה ולעולם הבא, שתי אומות קדמו את ישראל בחרב ושתים בעבירה, מצרים ואדומים קדמו בחרב, ושתים בעבירה מואבים ועמונים, על אלו שקדמו אותן בחרב נאמר (תצא כג, ח) 'לא תתעב אדומי וגו' לא תתעב מצרי', אבל אלו שקדמו אותן בעבירה להחטיא את ישראל נאמר (שם, ד) 'לא יבא עמוני ומואבי

בקהל ה' גם דור עשירי' וגו', ובעולם הזה לא יצאו ידיהם שנאמר (כה, יז) 'צרור את המדינים'.

**און** ער געבט צו פארשטיין, אז דער קנאה פון פינחס איז געווען מתוך וואס ער האט געוויסט מיט א קלארקייט אז גדול המחטיאו יותר מן ההורגו. און אזוי אויך, **יעדער מענטש וואס וויל מקנא זיין קנאת ה', דארף ער שפירען מיט א פעסטע קלארקייט אז ער איז נרדף פונעם יצר הרע, און דורכדעם קען ער מעורר זיין די נקמה בשמים אויף די שלעכט'ס.** און ער איז זוכה צו די קיום הפסוק 'והאלקים יבקש את נרדף' - אז דער אייבערשטער איז מיט איהם.

**אבער** מען דארף דא אנמערקען אז דער שפת אמת מיינט נישט פאר א התעוררות בשעת רעוא דרעוין וואס באדערט אביסעל פאר א מענטש זיינע עבירות, מתוך דעם וואס ער דערמאנט זיך אז נאך אלעם איז דא א רבונו של עולם [און ער וויל אז דער גוטס וואס ער האט אויף דער וועלט זאל ממשיך זיין אויך לאחר מאה ועשרים], און עס געבט איהם א קיצעל אין הארץ, דאס איז אלץ נישט דער גדר פון נרדף פון דער יצר הרע, נאר 'נרדף' פון דער יצר הרע מיינט אז בשעת ווען דער יצר הרע קומט צו איהם, שפירט ער א **נ-ר-ד-ף** ממש, נישט אז ס'באדערט איהם אביסעל, **נאר ער ווייסט מיט א קלארקייט אז דער יצר הרע וויל איהם פארלירען, ער וויל איהם מאבד זיין פון עולם הזה און פון עולם הבא**, און ווען ער שפירט אזוי, אז ער איז אזיין נרדף, דענסטמאהל איז ער זוכה צו דער קיום פון דער פסוק 'והאלקים יבקש את נרדף' - אז דער אייבערשטער איז מיט דיר, און ער האט די סיוע און דער עצה פון השיב את חמתי בקנאו את קנאתי, וויל ער איז מקיים כראוי ירגיז יצ"ט על יצה"ר.

**און** דער וועג צו שפירען אזוי, אין דורך דעם וואס מ'וועט אריין קלערן אין די מאמר חז"ל גדול המחטיאו יותר מן ההורגו - שהמחטיאו הורגו בעולם הזה ולעולם הבא, ווייל לכאורה איז שווער, אזוי וויא דער אמרי אמת מיט נאך פרעגען אויף וואס חז"ל זאגען 'גדול המחטיאו יותר מן ההורגו - שהמחטיאו הורגו בעולם הזה ולעולם הבא', וואס מיינט **'הורגו בעולם הזה'?!** שטייט דאך (תהלים עג, יב) 'הנה אלה רשעים וְשַׁלְוֵי עולם הִשְׂגּוּ חָיִל', דער יצר הרע רעדט דאך איין דער מענטש מיט אלע באקוועמליכקייטען פון דער וועלט, אז אויף דער וועלט גייט איהם א גוטען טאג, ער לעבט א גוטען טאג, ס'וואלט געווען גענוג צו זאגען 'הורגו' איז מאבדו רק מעולם הזה, און 'מחטיאו' איז הורגו לעולם הבא, ס'איז דאך בכלל נישט דא

קיין דמיון צווישען עולם הזה מיט עולם הבא (עי' לקוטי יהודה עה"פ צרור, שהאמרי אמת מתרץ ע"ז ב' תירוצים).

**אבער** ס'קען זיין 'הורגו **בעולם הזה**' אוודאי מיינט נישט דער פראסטע לעבען - די פראסטע חיים הגשמיים פון דער וועלט, נאר ס'מיינט דאס וואס מען האט געלערנט אין מסכת אבות (פ"ד מי"ז) 'יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא', און וויא דער **שפת אמת** (אמור תרל"ו המובא שם בשפ"א אבות, ועוד) טייטשט אז '**שעה**' איז מלשון רצון, **יפה רצון אחד**, איין רצון **פון תשובה ומעשים טובים בעולם הזה** מער וואו **אלע חיי העולם הבא**, מיר האבען נישט קיין שום השגה בכלל וואס איז דאס עולם הבא, אבער מיר וויסען אז מיט אלע השגות, מיט אלע מדרגות, מיט אלע עולמות פון עולם הבא, איז **יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, דאס וועלנשאפט דער השתוקקות און דער צמאון וואס מ'האט, וואס דאס איז איינמאליגע געלעגנהייט וואס דער אייבערשטער האט געשאנקען פאר די מענטשען ווען זיי געפינען זיך אויף די וועלט.** און דער יצר הרע קומט איהם הרג'נן פון דער וועלט, ווייל ער קומט גנב'נן דעם רצון דורכדעם וואס ער רעדט איין דער מענטש אריין צולייגען דער רצון מיט די תשוקה אריין אין הבלי עולם הזה און אין גשמיות, און נאכדעם וואס דער רצון איז שוין געגאנגען צו אנדערע זאכען, צו פרעמדע זאכען, איז דער רצון מיט דער צמאון צו קדושה שוואך געווארען און עס ברענט שוין נישט ביי איהם אין הארץ, ווייל ס'איז אויס געלאשען, און ער האט שוין נישט דער פינק וואס זאל דערווארעמען זיין הארץ. און אויב א מענטש שפירט דאס גוט בשעת די נסיונות פון די יצה"ר, און ער דערוועקט ביי זיך אין הארץ א אמת'דיגע צמאון מיט השתוקקות צום אייבערשטען, דעמאלט שפירט ער 'נרדף' פון די יצה"ר, און ער קען מקיים צו זיין אזוי וויא עס דארף צו זיין ירגיז יצ"ט על יצה"ר, און מקנא זיין קנאות ה', און ער איז זוכה צו א סיוע פון אייבערשטען.

**ס'שטייט** אז הרה"ק רבי ר' **בונם** זי"ע האט זייער מחשיב געווען, און ער איז געווען ספעציעל פריילך אין דער שבת פרשת פינחס, ווייל ס'דא אין דעם אלע קרבנות און אלע מוספים פון אלע מועדים (עי' לקוטי הרי"מ סוף פרשתן). און ס'איז נישט קיין דבר של מה בכך, ווייל ס'שטייט דאך אין די גמרא אין תענית (כז:) און אין מגילה (לא:) אז אברהם אבינו האט געזאגט פאר'ן אייבערשטען 'רבש"ע **תינח בזמן שבית המקדש קיים** - קען מען מקריב זיין די קרבנות - **בזמן שאין**

**בית המקדש קיים מה תהא עליהם** - וואס וועט זיין מיט די יודען וויא אזוי וועלען זיי האבען א כפרה - **אמר לו** - האט איהם דער אויבערשטער געענפערט - **כבר תקנתי להם סדר קרבנות - כל זמן שקוראין בהן לפני מעלה אני עליהם כאילו מקריבין לפני קרבן ומוחל אני על כל עונותיהם**׳, אויך אין דעם שבת פרשת פינחס ליינט מען דאך אלע מועדות, און דעריבער איז דאס געווען א זמן פון שמחה, א זמן פון דערהויבנקייט, פון התרוממות הנפש, **ווייל אין דעם שבת קען מען זיך רייניגען און זוכה זיין צו א כפרה.**

**און** מ׳קען צולייגען דער מעלה און שבח פון דער שבת, אז ס׳איז מער וויא נאר ליינען די קריאות פון פרשת המועדות, תוס׳ אין מגילה (כ״ג ע״א סוד״ה כיון) פרעגט דאך פארוואס נעמט מען נישט ארויס יעדער שבת צוויי ספרי תורה און מען ליינט נישט אין די צווייטע ס״ת ׳וביום השבת׳ - די מוספין פון שבת, אזוי וויא מען ליינט אין יעדער יו״ט די מוסף פונעם יו״ט, און ער ענפערט דריי תירוצים עי״ש. ס׳איז א זעלטענער זאך אז מ׳ליינט שבת די פרשת המוספים פון שבת [נאר אין שבת ראש חודש ליינט מען אויכעט ׳וביום השבת׳], אבער אין דעם שבת פרשת פינחס, ליינט מען דאך אויכעט די קרבנות פון שבת, האט מען דאך א מעלה פון דער עצם שבת, **און דער מעלה פון שבת איז דער השתוקקות און דער צמאון וואס איז דא אין שבת**, וואס אין דעם שבת קען מען דאס מער דערוועקען, מער אויפוועקען, מ׳קען מער מעורר זיין דעם השתוקקות און דעם צמאון צום אויבערשטען.

**רש״י** (כה, יז) שרייבט אויף ׳צָרוֹר את המדינים׳ - ׳כמו ׳זָכוֹר׳ ׳שָׁמוֹר׳, לשון הווה, עליכם לאייב אותם׳. די דוגמאות וואס רש״י ברענגט איז נישט קיין דמיון בעלמא, ס׳איז נישט סתם גיין צושטעליכצע, נאר ס׳ליגט אין דעם א טיפקייט, אז דער השתוקקות און צמאון וואס א מענטש האט אויף דער וועלט - דער ׳שעה אחת׳, וואס איז לייכטער מעורר צו זיין אין שבת, וואס דער גאנצע ענין פון שבת איז א רצון און א התעלות צום אייבערשטען, דורכדעם קען מען בעסער מקיים זיין צרור את המדינים - לאייב אותם. און נאכמער אין דעם שבת פון שבעה עשר בתמוז - פאר ס׳הייבט זיך אן ימי בין המצרים, קודם שיצא לדרך, וואס מ׳קען מעורר זיין די חיבור מיט די שייכות צום אייבערשטען (עי׳ בני יששכר חודש תמוז אב מאמר ג אות א ואגרא דפרקא אות ו).